46 האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט וועגן זיי. און
האָבן געזוכט אים צו כאַפּן, און האָבן זיך געפאָרכטן
פאַר די המונים מענטשן, ווייל מען האָט אים געהאַלטן
פאַר אַ נביא.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

1 און ישוע האָט ענטפערנדיק ווידער צו זיי
2 גערעדט אין משלים, אַזוי צו זאָגן: דאָס מלכות־
השמים איז געגליכן צו אַ מענטשלעכן קעניג, וואָס
3 האָט געמאַכט אַ חתונהמאָלצייט פאַר זיין זון, און
געשיקט זיינע קנעכט רופן די פאַרבעטענע צו דער
4 חתונה; און זיי האָבן נישט געוואָלט קומען. האָט
ער נאָכאַמאָל געשיקט אַנדערע קנעכט, אַזוי צו זאָגן:
זאָגט די פאַרבעטענע: זע, איך האָב צוגעגרייט
מיין סעודה; מיינע אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער
זענען שוין געשחטן, און אַלץ איז פאַרטיק; קומט
5 אויף דער חתונה! זיי אָבער האָבן זיך דערפון
גאָרנישט געמאַכט, נאָר זענען געגאַנגען, איינער
אין זיין פעלד אַריין, און אַן אַנדערער צו זיין מסחר;
6 און די איבעריקע האָבן געכאַפּט זיינע קנעכט, זיי
7 מיאוס־באַהאַנדלט און געטייט. און דער קעניג איז
צאָרנדיק געוואָרן; און האָט געשיקט זיינע חיילות,
און אומגעבראַכט יענע רוצחים, און זייער שטאָט
8 פאַרברענט. דאַן זאָגט ער צו זיינע קנעכט: די
חתונה איז גרייט, די פאַרבעטענע אָבער זענען עס
9 נישט ווערט געווען. גייט זשע אַהין אויף די גאַסן,
וואו די וועגן שיידן זיך, און וויפל איר וועט
געפינען, זאָלט איר פאַרבעטן אויף דער חתונה.
10 און יענע קנעכט זענען אַרויסגעגאַנגען אויף די
גאַסן, און האָבן איינגעזאַמלט אַלע, וועמען זיי האָבן